## כאלערא אום יום כיפור – יואל יונגרייז

מיר געפינען אין נ"ך אז עס איז געווען איין מאל אין וועלכן גאנץ כלל ישראל האט נישט געפאסט יום כיפור. דאס איז געווען ווען שלמה המלך האט געבויט דעם בית המקדש, און דער חנוכת הבית האט זיך פארצויגן אריין אין יום כיפור. אן אנדערער מאל אין היסטאריע איז געווען ווען טייל רבנים האבן געהייסן אז מען זאל נישט פאסטן יום כיפור. אבער דאס מאל איז עס נישט געווען צוליב א פרייליכע סיבה. די ביטערע מגיפה כאלערא, אדער ווי עס ווערט אנגערופן אין די ספרים 'חולירע' – א שפיל ווארט אויף די ווערטער חולי-רע, שלעכטע קרענק, האט געבוזשעוועט אין די אידישע קהילות און עס זענען געפאלן מענטשן ווי פליגן. עס זענען געווען דאן וואס האבן געהאלטן אז צוליב דעם שרעקליכן מצב טאר קיינער נישט פאסטן.

### די כאלערא מגיפה

די כאלערא מגיפה איז א שרעקליכע מגיפה וועלכע האט אויסגעבראכן ארום אכט מאל אין אייראפע. ווי אלע מגיפות, באשטייט עס פון א מיקראסקאפישע באקטעריע וועלכע זעצט זיך אריין ביי דעם מענטש און זייעט אן חורבנות אין גוף. די כאלערא באקטעריע קומט אריגינעל פון דרום אזיע, און עס האט אנגעהויבן אריבערקומען קיין אייראפע נאכדעם וואס מערערע מענטשן האבן אנגעהויבן פארן פון אייראפע קיין אזיע.

דער גרינגסטער וועג ווי אזוי מען קען זיך אנשטעקן מיט כאלערא איז אדער דורכ'ן קומען אין דירעקטן קאנטאקט מיט דעם באקטעריע אדער דורך פארגיפטעטע עסן אדער וואסער. איינמאל די באקטעריע זעצט זיך אריין אין דעם קערפער, שפריצט עס ארויס א גיפט וועלכע שטעלט אפ דעם פלוס פון סאדיום און כלארין אין דעם קערפער. א דאנק דעם ווערט דער מאגן אנגעפילט מיט וואסער, און דער אומגליקליכער פאציענט הייבט אן ברעכן און ער באקומט א שלשול. אויב מען באהאנדלט דאס נישט באצייטנס קען דאס פירן צו א גענצליכע טויט ר"ל ביז געציילטע שעות.

כאלערא האט צום ערשטן מאל אויסגעבראכן אין אייראפע מיט צוויי הונדערט יאר צוריק, אין שנת תקע"ז. פון אינדיע איז עס אנגעקומען קיין סיריע, און פון דארט קיין רוסלאנד. ביז א פופצן יאר האט זיך עס אויסגעשפרייט איבער גאנץ אייראפע. ווי דער סדר פון א מגיפה, זענען געווען געוויסע יארן ווען עס האט אויסגעבראכן און אנדערע יארן וואס עס איז געווען שטילער. אין די יארן וואס די מגיפה האט געבוזשעוועט איז געווען ממש א שרעקליכער מצב, ווען אין בית אשר אין שם מת, און מענטשן זענען געפאלן ווי פליגן.

די כאלערא מגיפה האט נישט איבערגעהיפט די אידישע קהילות, טראצדעם וואס זיי האבן געליטן פיל ווייניגער ווי להבדיל די גויים. אין טייל שטעט האבן די אידן געהאט מיט פופציג פראצענט ווייניגער קרבנות ווי די אלגעמיינע עולם. דאס איז געקומען א דאנק אונזער געזונטע און ריינע לעבנס שטייגער לויט וועלכן מיר פירן זיך על פי תורה. פונדעסטוועגן האט די מגיפה געשניטן שטיקער ביי כלל ישראל, און די קרבנות האבן דערגרייכט אין די צענדליגער טויזנטער.

די כאלערא מגיפה ווערט אפט דערמאנט אין די ספרים לגבי פארשידענע ענינים וואס האבן זיך געמאכט אין רעזולטאט פון די שווערע לאגע. דער ספרדי'שער גדול פון טערקיי הגאון רבי חיים פאלאג'י איז געווארן אנגעפרעגט אין שנת תרכ"ה (שו"ת רוח חיים סי' שכ"ה אות ד') אז צוליב די טויזנטער מתים קען מען נישט אניאגן צו באגראבן יעדן איינעם, אויב מען מעג הייסן א גוי גראבן קברים אום שבת. עס ווערט געברענגט אז בשעת אן אויסברוך פון די כאלערא מגיפה האט הגאון רבי עקיבא אייגער זצ"ל גע'פסק'נט אז צוליב די פילע יתומים זאל מען במשך איין יאר זאגן קדיש יתום נאך עלינו אלע יתומים צוזאמען, כאטש מדינא דשו"ע מעג נאר איינער זאגן קדיש יתום (שו"ת זכר שמחה סי' ח').

אין די אידישע קהילות פלעגט מען אויפשטעלן א קאמיטע וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט די חולים און זיכער געמאכט אז יעדער באקומט א באהאנדלונג. עס האט זיך ארויסגעוויזן ווי די גדולי ישראל האבן זיך מוסר נפש געווען פאר די קראנקע אידן און זיך אוועקגעגעבן פאר זיי (צומאל איז דאס געווען מסירת נפש כפשוטו, ווייל טייל מאל האבן זיי אליין באהאנדלט קראנקע, וואס האט זיך געגרעניצט מיט סכנת נפש, אבער זיי האבן אויף גארנישט געקוקט).

**דער ערשטער אויסברוך**

במשך די אויסברוכן פון דער מגיפה, ווען די מגיפה איז געווען אין פולסטן שוואונג, האט זיך געטון א גרויסער דיון ביי די רבנים אויב מען זאל לאזן דעם עולם פאסטן די תעניתים. עס שטייט אין מגן אברהם (סי' תקע"ו ס"ק ב') אז בשעת א מגיפה איז מען נישט גוזר תענית אויפ'ן ציבור אזוי ווי ביי אנדערע צרות, וויבאלד א תענית שוואכט אפ דעם מענטש און קען גורם זיין אז ער זאל איבערכאפן די מחלה פון די לופט. אבער עס שטייט נישט אז מען זאל אויספאסטן אין איינער פון די תעניתים וואס מען איז מחוייב צו פאסטן.

אין שנת תקצ"א האט די מגיפה אויסגעבראכן צום ערשטן מאל אין פוזנא, און הגאון רבי עקיבא איגר זצוק"ל האט ארויסגעגעבן מיט זיין בית דין גענויע הנהגות ווי אזוי מען זאל זיך אויפפירן. אין אגרות סופרים (סי' כ"ט ל') ווערט געברענגט מערקווירדיגע בריוון וואס רבי עקיבא איגר האט אנגעזאגט פאר זיין קהילה, ביז די גענויע דעטאלן וועלכע מאכלים צו עסן און ווען צו גיין שפאצירן וכדו'.

אין ספר פסקים ותקנות רבי עקיבא איגר (סי' כ') ווערט געברענגט הנהגות וואס די בית דין אין פוזנא האט ארויסגעגעבן בעפאר די הייליגע טעג שנת תקצ"ב, וואס איז אריגינעל געשריבן געווארן אויף אידיש, אין וועלכן עס שטייט דארט פארשידענע תקנות ווי אזוי מען זאל זיך פירן צוליב די מגיפה. אזוי ווי עס איז א סכנה עס זאלן זיך צוזאמקומען אסאך מענטשן אין שול און זיצן איינער נעבן צווייטן, האט מען מתקן געווען אז יעדער צווייטער זיץ דארף בלייבן ליידיג. ממילא האלב פון די מתפללים האבן נאר געמעגט קומען ראש השנה, און די אנדערע האלב זענען געקומען יום כיפור.

עס שטייט דארט אז דער בית דין אין שפיץ פון גאב"ד, רבי עקיבא איגר, האט נישט געוואלט מתיר זיין צו עסן יום כיפור, וויבאלד ס'איז א דאורייתא, אבער מען האט צוגעשטעלט צוויי דאקטוירים וואס זענען געזעצן אין חדר הקהל במשך דעם גאנצן טאג, און יעדער איינער וואס שפירט סיי וועלכע חולשה אדער שלשול זאל תיכף צוגיין צו די דאקטוירים כדי מען זאל אים קענען באהאנדלען.

ביים דעם דעמאלטדיגן ערשטן אויסברוך פון כאלערא געפינט מען אויך א תשובה אין חתם סופר (ח"ו ליקוטים סי' כ"ג) וועלכער האט יא גע'פסק'נט מען זאל נישט פאסטן. כאטש וואס ווי עס זעט אויס האט אין פרעשבורג די מגיפה נישט געבוזשעוועט, איז דער הייליגער חתם סופר געווארן אנגעפרעגט פון א רב אין בראנדבורג, עסטרייך, אין שנת תקצ"ו, אז ביי אים אין שטאט בוזשעוועט דער כאלערא, און די דאקטוירים זאגן אז מען טאר נישט ארויסגיין אין גאס אויב מען פאסט, ווייל מען קען זיך אנשטעקן מיט די מחלה, צו מען מעג פאסטן יום כיפור.

דער חתם סופר ענטפערט אז מען טאר נישט פאסטן אויב עס איז אפילו א ספק אז מען קען איבערכאפן די מגיפה. פונדעסטוועגן, טאמער די סכנה איז נאר אז מען טאר נישט גיין אין גאס, זאל מען ענדערש בלייבן אינדערהיים און דאווענען ביחידות און פאסטן. אבער טאמער עס איז קלאר אז עס איז שעדליך צו פאסטן סיי וואו מען געפינט זיך, זאלן אפילו געזונטע מענטשן אויספאסטן און עסן פחות מכשיעור.

ווען די מגיפה האט אויסגעבראכן צום צווייטן מאל אין שנת תר"ז האט זיך נאכאמאל אפגעטון א גרויסע דיון אויב מען מעג פאסטן די תעניתים. הגאון רבי צבי מאיר וויטמאיר, דער רב פון סאמבור, האט געשריבן א תשובה אין וועלכן ער שרייבט אז די מגיפה פון כאלערא האט אנגעהויבן בוזשעווען אין די דערנדעבנדע ערטער, און כאטש ביי אים אין שטאט איז עס נאכנישט אנגעקומען, האט יעדן אנגעכאפט א גרויסן פחד אז עס גייט אויך אנקומען אהין, און עס איז געווארן א גרויסע מבוכה צווישן די לומדים אויב מען מעג פאסטן די תעניתים פון שבעה עשר בתמוז און תשעה באב.

נאך א לענגערער דיון שרייבט ער אז נישט בלויז אין א שטאט וואו עס האט שוין אויסגעבראכן די מחלה טאר מען נישט פאסטן, נאר אפילו דארט וואו עס האט נאכנישט אויסגעבראכן, נאר עס בוזשעוועט אין א דערנעבנדע שטאט, וויבאלד די סדר פון דער מחלה איז אז עס גייט ארום פון שטאט צום צווייטן, טאר מען נישט פאסטן, און יעדער איז מחוייב צו עסן געהעריג בפרהסיא, אפילו די געזונטע מענטשן (שו"ת רמ"ץ ח"א או"ח סי' ל"ט).

אזוי אויך דער גרויסער חסידישער גאון, דער צמח צדיק פון ליובאוויטש, האט געשריבן אין א בריוו צו א שטאט אין בעלארוס אז היות די דאקטוירים זאגן אז עס איז שעדליך צו פאסטן בשעת די מגיפה גייט ארום, טאר מען נישט פאסטן די תעניתים, און אום תשעה באב זאל מען זאגן איכה מיט גרויסע בכיות און כוונה און קלאגן אויף דעם וואס מען קען אפילו נישט פאסטן און טרויערן ווי געהעריג אויפ'ן חורבן בית המקדש (שו"ת צמח צדק שער המילואים סי' י').

הגאון ר' מרדכי זאב איטינגא זצ"ל איז געווארן אנגעפרעגט אין שנת תר"ח פון א רב אויב מען זאל פאסטן תשעה באב. ער שרייבט אז די דאקטוירים זאגן אז די מגיפה קומט פון די שלעכטע לופט, און אויב מען עסט נישט קען מען גרינגער זיך אנשטעקן פון די שלעכטע לופט. אבער ער וויסט נישט אויב מען קען זיך טאקע פארלאזן אויף די דאקטוירים אז די מגיפה קומט ווירקליך פון די שלעכטע לופט, און ממילא קען ער נישט פסק'נען אז די געזונטע מענטשן זאלן נישט עסן. (ווי מיר ווייסן טאקע היינט האבן זיך די דעמאלטדיגע דאקטוירים טועה געווען און די מגיפה האט נישט קיין שייכות מיט די לופט נאר עס ווערט אריבערגעפירט דורך לעבעדיגע באצילן וואס מענטשן וכדו' טראגן ארום).

פונדעסטוועגן ברענגט ר' מרדכי זאב אז אין שנת תקצ"א, ווען עס האט אויסגעבראכן די כאלערא מגיפה צום ערשטן מאל, האט מען אים אנגעפרעגט פון קאלאמייע וואס צו טון, און ער האט זיי מתיר געווען אויסצופאסטן אום תשעה באב, און אזוי אויך אין לעמבערג האט זיין גרויסער פעטער, דער ישועות יעקב, געהייסן אויספאסטן, ממילא זאל יעדער טון ווי אזוי ער פארשטייט (מאמר מרדכי סי' ס"ז).

אין שו"ת האלף לך שלמה (או"ח סי' שנ"א, ובשו"ת עץ חיים סי' שי"ז) געפינען מיר אז הגאון ר' שלמה קלוגער זצ"ל איז געווארן אנגעפרעגט ביי א כאלערא אויסברוך פון דעם שטאט בארדיטשוב אויב מען זאל פאסטן תשעה באב. ער שרייבט אז ער האט באפוילן פאר די תלמידי חכמים אין דובנא אז זיי זאלן עסן בפרהסיא, כדי מען זאל זיך אפלערנען פון זיי און קיינער זאל נישט מחמיר זיין און עסן. אבער אין זיין שטאט, אין בראד, דארף מען יא פאסטן וויבאלד די מגיפה איז נאכנישט אנגעקומען אהין. ער שרייבט אז ער איז געווען זייער ברוגז אויף א געוויסן איד וועלכער איז געקומען פון בארדיטשוב און ער האט נישט געפאסט, ווייל מען גייט לויט דעם פלאץ וואו מען געפינט זיך, און נישט לויט דעם פלאץ פון וואו מען קומט.

דער מהרש"ם ברענגט (דעת תורה סי' תרי"ח ס"א) אז אין שנת תר"ח ווען עס האט געבוזשעוועט דער כאלערא, האט דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זצוק"ל געהייסן אויסרופן פאר יום כיפור אז יעדער וואס שפירט א שוואכקייט זאל עסן און טרינקען וויפיל עס פעלט אויס זיך צו שטארקן.

## יום כיפור שנת תר"ח

שנת תר"ח איז געווען די טויטליכסטע יאר פון דער מגיפה, אין וועלכן איבער א מיליאן מענטשן זענען אומגעקומען אין דעם יאר אליין. דאס איז דער יאר אין וועלכן עס האט זיך אפגעשפילט א בארימטע געשיכטע אין ווילנא, ווען הגאון ר' ישראל סאלאנטער האט געהייסן מען זאל אויספאסטן, און לויט טייל גירסאות האט ער אפילו אליין געגעסן ברבים.

אין מערערע ערטער (זע ביאוה"ל סי' תרי"ח---) ווערט געברענגט אז הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל, וועלכער האט דעמאלט געוואוינט אין ווילנע, האט געהייסן אז מען זאל אויספאסטן, כאטש אנדערע רבנים האבן זיך מחולק געווען מיט אים. טייל מקורות ברענגען אז ער האט אליין אויסגעפאסט ברבים אין בית המדרש, און עס זענען פארהאן מערערע גירסאות איבער די מעשה און דער געשעעניש, און מיר וועלן ברענגען עטליכע מוסמך'דיגע מקורות.

דער זון פון רבי ישראל סאלאנטער, הגאון ר' יצחק ליפקין ז"ל, שרייבט אין זיינע רשימות (נדפס בקובץ תבונה כרך א' חוברת ז') אז בשעת די כאלערא האט געבוזשעוועט און עס איז אנגעקומען יום כיפור, האט ער גע'פסק'נט אז יעדער איינער זאל עסן פחות מכשיעור, און ער האט מכריע געווען אזוי ערשט די נאכט פאר יום כיפור. איין סניף פאר דעם פסק איז געווען די גרויסע חילול השם וואס קען ארויסקומען טאמער עס וועט זיך ארויסשטעלן אז די מגיפה וועט ספעציעל אויסברעכן ביי די אידן נאכדעם וואס זיי האבן געגעסן יום כיפור.

ער ברענגט אויך אז אום יום כיפור האט ער אויפגעטרעטן ברבים אין בית המדרש און געזאגט אז ער איז מקבל אויף זיך אז טאמער דארף קומען אן עונש פאר'ן עסן יום כיפור ח"ו זאל ער זיין די כפרה פאר כלל ישראל.

ר' יצחק ברענגט אויך אז ווען איינער איז אים שפעטער געקומען זאגן אז ער האט יא מחמיר געווען און געפאסט, האט רבי ישראל סאלאנטער אים שטרענג געענטפערט אז ער קען נישט פארשטיין ווי אזוי ער האט עובר געווען אויף אזא הארבע עבירה אום יום כיפור...

אגב, ר' יצחק ברענגט דארט פון די גדולות ונצורות וואס ר' ישראל סאלאנטער האט אויפגעטון פאר די חולים, זייענדיג אין שפיץ פון די קאמיטע וואס מען האט אויפגעשטעלט צו באהאנדלען דעם שרעקליכן מגיפה. ער האט אפגעדינגען א גאנצער שפיטאל און צומאל האט מען געדארפט אנפילן ביז פופצן הונדערט בעטן און אלע הוצאות האט ער גענומען אויף זיך.

אין דעם בוך 'גדולים פון אונזער צייט' (עמ' 76) פון ר' יעקב מארק, ווערט געברענגט אן עדות'שאפט וואס דער מחבר האט געהערט פון אן עד ראיה, ר' שמעון שטראשון, וואס איז געווען אין דעם גרויסן בית המדרש אין ווילנא וואו רבי ישראל סאלאנטער האט געדאוונט. מיר וועלן דאס נאכברענגען פון דעם מחבר מיט דער אריגענעלער אידיש מיט מינדערוויכטיגע שינויים לויט'ן היינטיגן אידיש:

"ערב יום כיפור האט רבי ישראל מיט דעם הסכם פון די מורי הוראות געלאזט אנקלעפן מודעות אין אלע שולן אז צוליב די ארומגייענדע קראנקהייט זאל מען קיין פיוט נישט זאגן, מקצר זיין אין תפילות ווי ווייט מעגליך, און וואס מער זיצן אויף פרישע לופט. אין די שטיבלאך פון אלע שולן זאל מען צוגרייטן שטיקלעך לעקיך פון א חצי שיעור, דאס צו געברויכן ווען דאס וועט נויטיג זיין. יום כיפור נאך שחרית איז רבי ישראל ארויפגעגאנגען אויפ'ן בימה אין דער גרויסער שול און מודיע געווען דעם עולם אז יעדער איינער וואס פילט זיך שוואך דארף נישט פרעגן קיין דאקטאר און מעג אריינגיין אין שטיבל וואס צו געניסן, אבער עסן מיט הפסקות, ווי דער דין איז, כדי נישט צוקומען צו אן איסור דאורייתא. נאכדעם ווי רבי ישראל איז ארונטערגעגאנגען, איז ארויף אויפ'ן בימה דער הויפט מורה הוראה רבי בצלאל און פראטעסטירט אין נאמען פון די מורי

הוראות אויף דעם היתר צו עסן סתם, נישט פרעגנדיג ביי קיין דאקטאר, אבער באמת האט רבי ישראל אליין גארנישט טועם געווען."

מערקט אז דאס איז זיך עטוואס סותר מיט דעם פריערדיגן עדות פון ר' יצחק ליפקין וועלכער שרייבט אז זיין פאטער האט געהייסן אז יעדער איינער זאל עסן, נישט בלויז דער וואס שפירט שוואך, און ער האט אפילו אויסגע'מוסר'ט איינעם וואס האט מחמיר געווען און נישט געגעסן.

אין ספר מקור ברוך (ח"ב ע' 1012) די זכרונות פון הרב ר' ברוך עפשטיין, א זון פון דעם ערוך השולחן, ווערט געברענגט די מעשה מיט א צאל הוספות. ער שרייבט אז די מעשה האט פאסירט אין יום כיפור שנת תר"ל (וואס איז לכאורה א טעות, ווייל דאס האט פאסירט אין שנת תר"ח) און ר' ישראל סאלאנטער איז ארויף אויף די בימה נאך שחרית צוזאמען מיט די צוויי דיינים, און אויסגערופן אז די תורה הייסט וחי בהם ולא שימות בהם, און יעדער זאל אויספאסטן. און כדי צו ווייזן א דוגמא האט ער אליין גענומען א כוס וויין און געמאכט קידוש און טועם געווען מזונות צוזאמען מיט די דיינים.

ווי געזאגט, איז דאס סתם געווען צוגעלייגטע שמועות וואס האבן נישט קיין באזיס אין מציאות. ווייל די ערשטהאנטיגע מקורות שרייבן אז ר' ישראל סאלאנטער האט נאר געלאזט עסן פחות פחות מכשיעור, און די אלע פרטים אז ער האט געמאכט קידוש ברבים און געגעסן אין בית המדרש איז סתם געווען שמועות פורחות.

(ר' ברוך עפשטיין לייגט נאך צו אז דער עולם איז געווען זייער צוגעלייגט אז מען מוז אויספאסטן יום כיפור, ממילא פאר נעילה האט א געוויסער בדחן געוואלט אויפלעבן דעם עולם, איז ער ארויפגעגאנגען אויפ'ן בימה און אויסגערופן: "כל נדרי קומענדיגע יאר וועט זיין זעקס דרייסיג". דער עולם האט זיך געוואונדערט פארוואס מען דארף יעצט אויסרופן די זמנים פון דעם קומענדיגן יום כיפור, האט יענער ערקלערט אז אזוי ווי עס זענען פארהאן אידן וואס קומען נישט אין שול פון יום כיפור ביז יום כיפור, דארף מען זיי שוין יעצט מודיע זיין דעם זמן פאר די קומענדיגע יאר...).

ווי דערמאנט האט דער ווילנער דיין, הגאון רבי בצלאל הכהן זצ"ל, און זיין בית דין, מחולק געווען מיט רבי סאלאנטער און האט געהאלטן אז מען דארף יא פאסטן, ווי ער ברענגט אליין אין זיין ספר ראשית ביכורים (דף ס"ט), נאכדעם וואס ער ברענגט דעם חתם סופר וועלכער איז מתיר צו אויספאסטן, שרייבט ער אז שוין דריי מאל וואס די מגיפה האט אויסגעבראכן, און יעדן מאל האבן צענדליגער טויזנטער מענער און פרויען געפאסט און עס האט גארנישט פאסירט, און דאס איז געווארן באקאנט אין דער גאנצער וועלט. די וואס גיבן זיך אפ מיט די חולים האבן עדות געזאגט אז קיינער איז נישט קראנק געווארן צוליב דעם תענית, ממילא איז מען מחוייב צו פאסטן יום כיפור אפילו בשעת א מגיפה, כאטש וואס די איבריגע פיר תעניתים קען מען זיך פארלאזן אויף די מקילים און נישט פאסטן.

**שפעטערדיגע פוסקים**

אין שו"ת מצפה אריה (תנינא ענינים שונים סי' מ"ה) ברענגט דער מחבר אז אין שנת תרל"ג האט דער שואל ומשיב גע'פסק'נט אז מען זאל נישט פאסטן. נאך ברענגט ער אז ווען ער איז אויפגעוואקסן אין זיינע יונגע יארן אין דער ליטע, אין שטאט הוראדנא, האט ער געהערט אז עס איז געווען א גרויסע מחלוקת דערוועגן צווישן ר' ישראל סאלאנטער, וועלכער האט גע'פסק'נט אז מען זאל נישט פאסטן, און די אנדערע רבנים וועלכע האבן געהאלטן אז מען זאל יא פאסטן, און ר' ישראל סאלאנטער האט זיך געהאלטן ביי זיין פסק און געגעסן בפומבי אין בית המדרש.

דער מצפה אריה ברענגט דארטן אז ער האט געהערט אז די דאקטוירים זאגן אז דער תענית אליין שאט נישט, נאר מען מוז זיין זייער פארזיכטיג ביים אויספאסטן צו עסן א קליין ביסל אויפאמאל, און נישט זיך אנשטאפן, ווייל אויב מען עסט אסאך קען דאס זיין מסוכן, און אין דעם איז ער תולה די מחלוקת, אויב דאס איז אויך דוחה יום כיפור. ר' בצלאל הכהן ברענגט אויך אז

כאטש ביי די וואס האבן געפאסט האט עס נישט געשאט, האט מען יא געזען אז די וואס האבן זיך אנגעגעסן מיט פעטע עסן ערב יום כיפור און מוצאי יום כיפור זענען אוועקגעפאלן.

הגאון ר' יוסף זכריה שטערן זצ"ל אב"ד שאוועל איז געווארן אנגעפרעגט אין שנת תרל"ג אויב מען זאל פאסטן יום כיפור ביי אן אויסברוך פון כאלערא. ר' יוסף זכריה ברענגט אז דער פאקט האט געוויזן אז צענדליגער טויזנטער מענטשן האבן שוין געפאסט בשעת די מגיפה און עס האט זיי נישט געשאט, און דער עיקר איז מען זאל מקצר זיין מיט די פיוטים און דער עולם זאל גיין שעפן פרישע לופט אינמיטן דאווענען.

דער דברי מלכיאל (ח"ג סי' כו) איז אנגעפרעגט געווארן פון א רב וואס די כאלערא האט געבוזשעוועט אין די שטעטלעך ארום זייער שטאט אויב מען מעג פאסטן תשעה באב. דער דברי מלכיאל פסק'נט אז מען טאר נישט פאסטן ווייל עס איז א סכנה און אז מען זאל מפרסם זיין אז מען מעג עסן, נאר מען זאל נישט אויסרופן אז מען טאר נישט פאסטן, ווייל דאס וועט גורם זיין א פחד ביים המון עם.

אין שנת תרל"ג האט דער מהר"ם שיק (או"ח סי' רפ"ט) גע'פסק'נט ביי אן אויסברוך פון כאלערא אזוי ווי זיין רבי'ן, דער חתם סופר, אז אויב די דאקטוירים זאגן אז עס איז א סכנה צו פאסטן מען זאל נישט פאסטן תשעה באב נאר מען זאל עסן וויפיל מען מוז.

דער שדי חמד (סיפת דינים מערכת בין המצרים סי' ב') ברענגט א לענגערער דיון מיט מערערע ספרים איבער דעם ענין. ער שרייבט אז אין שנת תרל"ו האט א געוויסער חכם גע'פסקנ'ט פאר די איינוואוינער אין זיין שטאט אז זיי זאלן נישט פאסטן תשעה באב ווייל דער תענית איז מסוכן פאר כאלערא. אבער אנדערע רבנים האבן מערער געוועז אויף זיין פסק און האבן געזאגט אז ער האט נישט גוט געטון.

**דער סוף פון כאלערא**

אין די ערשטע יארן בשעת די מגיפה פלעגט אויסברעכן, האט מען נאכנישט געוואוסט דעם אמת'ן סיבה פון די אויסברוכן. עס זענען געווען טייל וויסנשאפטלער וואס האבן טאקע געהאלטן אז עס קומט פון א באציל, אבער רוב דאקטוירים האבן געהאלטן אז דאס קומט פון אומזעהבארע שטויבלעך וואס קומען פון שמוציגע ערטער און פליען ארום אין דער לופט. דערפאר זעט מען אז פילע רבנים האבן גע'עצה'ט מען זאל גיין אויף דער פרישער לופט.

עס איז דאן געווען א יונגער דאקטאר אין ענגלאנד מיט'ן נאמען דזשאן סנאו, וועלכער האט גענומען אויף זיך צו נאכגיין דעם גורם פון דער כאלערא מגיפה. ער איז געווען איבערצייגט אז עס קומט פון א באציל וואס כאפט זיך אריין אין וואסער און אזוי קומט עס אן צו יעדן איינעם, אבער כמעט אלע דאקטוירים האבן אים אויסגעלאכט.

ביז אין יאר תרי"ד איז פארגעקומען אן אויסברוך פון דער כאלערא מגיפה אין א שטעטל אין ענגלאנד. דר. סנאו האט זיך נישט געפוילט און איז אראפגעגאנגען צו דעם שטעטל און איז נאכגעגאנגען יעדן איינציגן מענטש וואס איז געווארן קראנק, און ער האט באוויזן צו ווייזן אז אלע סימנים פירן דער מקור פון די מגיפה ביי דעם קוואל פון שטעטל. ער האט אויפגעוויזן אז די וואס האבן נישט געטרינקען פון דעם קוואל, ווי צום ביישפיל א געוויסע תפיסה וואס האט גענומען זייער וואסער פון ערגעץ אנדערש, האט נישט געהאט קיין איין פאל פון כאלערא.

יעדער האט אבער ווייטער געלאכט פון אים, און מען האט גע'טענה'ט אז עס קען נישט מעגליך זיין אז עס קומט פון דעם קוואל, ווייל ווי אזוי איז א ריינע קוואל געווארן פארגיפטעט. ביז עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז א פרוי האט געוואשן דעם שמוציגן דייפער פון איר קינד אין דעם קוואל, און דאס האט אנגעהויבן אלע צרות. ווייל ווי עס איז שפעטער קלאר געווארן קען דער

כאלערא באקטעריע נישט אריבערגיין פון מענטש צו מענטש דירעקט, נאר אויב עס גייט אריין אין וואסער אדער עסן און דער מענטש טרינקט עס אדער עסט עס.

דעמאלט האט מען אנגעהויבן איינשטעלן ריינערע מיטלען ווי אזוי צו טרינקען וואסער און צו זיכער מאכן אז די וואסער וואס מען טרינקט ווערט נישט פארגיפטעט, און מיט די יארן איז די כאלערא מגיפה גענצליך פארשוואונדן געווארן פון דער מערב וועלט, אזש ביז היינט ווייסט קיינער נישט צו זאגן דערפון. אבער אין די דריטע וועלט לענדער, וואו מענטשן לעבן נאכאלס מיט שמוציגע וואסער אן קיין ריינעם וואסער סיסטעם, מאכט זיך נאכאלס כאלערא אויסברוכן.

היינטיגע צייטן ווייסן מיר שוין נישט פון מגיפות צו זאגן ב"ה, אבער אז מען קוקט אין די ספרים פון יענע תקופות זעט מען די שרעק און טעראר וואס אזא מגיפה האט אנגעזייט, ווען מען האט נישט געקענט וויסן ווער וועט זיין דער קומענדיגער קרבן. דער אויבערשטער זאל ווייטער האלטן זיין רעכטע האנט אויף גאנץ כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם.